וועכנטליכן
# איבערזיכט
א קורצע איבערזיכט איבער אלעס וואס קומט פאר איבעראל דעם ענגלישן אידענטום



פאסט באקס

Tel: 020 3984 7536

mail: Iberzicht@gmail.com



בס"ד • פ' **שלח, כה' סיון** תשפ"ב לפ"ק • **גליון # 37** • פעיה"ב לאנדאן יצ"ו


# היסטארישע מעמד קידוש שם שמים פארגעקומען פארגאנגנעם מיטוואך בהעלותך ביים "מעמד בקשה ותחנונים" קעגן איבער די 'פארלימענט געביידע'ס' איבער די שרעקליכע גזירה 'סקול'ס ביל' היל"ת

**ריזיגע ציבור פון שווערע הונדערטער אידן זענען זיך משתתף ביים מעמד אינדרויסן פון די בניני הפארלימענט טראץ די זעלטן שווערע היצן / די מעמד איז פארגעקומען בראשות מרנן ורבנן גדולי ישראל שליט"א וואס זיי זענען געווען די עמודי האש ההולכים לפני מחנה ישראל / מייסטערהאפטיגע ארדענונג און דיסיפלין באוואונדערט אלע פארזאמלטע, אידן און להבדיל נישט אידישע דורכגייער צוגלייך / מעסעדזש פון דאס יהדות החרדית אין ענגלאנד ארויסגעברענגט אויפן קלארסטן אופן וואס שייך דורך די עסקנים / זעקת מרן זקן ראשי הישיבות באייראפע הילעכט אפ, ווען ער שרייט ארויס מנהמת לבו אז די תורה איז אין א סכנה / די פילע מאסן ציבור אין שפיץ פון גדולי ישראל שליט"א מארשירן מיט א וואונדערבארע אויסשטעל צום ריכטונג פון 'עדיוקעישן דעפארטמענט'**

**ברוך המקדש שמו ברבים,** דעם פארגאנגענעם מיטוואך פרשת ויבכו בני ישראל בשעת די דעבאטעס ארום דעם נייעם סקולס ביל אין האו"ז אוו לארדס איז פארגעקומען א ריזיגע מעמד בקשה ותחנונים אינדרויסן פון די בניני הפארלימענט ווען עס האבן זיך צוזאמגענומען שווערע הונדערטע אידן מסלתה ומשמנה פון די שטאט וואס האבן זיך מתאסף געווען על פי קריאתם פון זקני גדולי רבני ענגלאנד וואס זענען ארויס מיט א ספעציעלע בקשה אז מען זאל ארויסקומען אינאיינעם אינדרויסן פון פארלימענט און ארויסברענגען קבל עם ועולם אונזער ווידערשטאנד צו די נייע אנטי רעליגיעזע סקולס ביל געזעץ.

טראץ דעם וואס דער מעמד איז אראנדזשירט געווארן אין בלויז 48 שעה האבן די עסקנים באוויזן אהערצושטעלן טראנספארטאציע פון אלע געגנטער און מאסן אידן האבן זיך ארויסגעלאזט אויף די וועגן מיט באסעס און קארס און מיניווענס ווען פון אלע זייטן שטראמען אידן וואס זענען ארויס אין די גאס צו ווייזן געטריישאפט פאר אויבערשטן און האבן געוויזן קליפ און קלאר אז די עתיד החינוך פון די קינדער איז דאס ערשטע פראיאריטעט, און מיר וועלן שטיין איתנים כחלמיש און נישט נאכגעבן גארנישט פאר די וואס ווילן אונטערברענגען אונזער עתיד הדורות.

די מעמד איז צונויפגעשטעלט געווארן המשך אויף זייט' 4 •

באזארגענדער באריכט:

# 'הענרי פאווער' אינעם נײ פארגעשלאגענע סקול"ס ביל געזעץ אקעגן די ישיבות הקדושות

**רעגירונג געבט ארויס קלאר און דייטליך פארוואס זיי ווילן אריינלייגן די 'הענרי פאווער' אינעם געזעץ.**

איינע פון די גרויזאמע מעטאדן וואס די רעגירונג וויל אריינלייגן אינעם געזעץ, איז די 'הענרי פאווער', וואס דאס מיינט אז כדי צו טוישן חלקים פון די נייע געזעץ נאכן ווערן באשטעטיגט דארפן זיי נישט איבער חזר'ן די גאנצע פרשה פון אויסהערן א געזעץ דורך די לארדס און מעמבערס פון פארלימענט, נאר זיי קענען מאכן די נויטיגע שינויים אינעם געזעץ אליינס אהן קיין איבערזיכט פון קיינעם.

בדרך כלל ווען מען מאכט א געזעץ נעמט דאס א לענגערע צייט פון הכנות איידער דאס געזעץ גייט אריין אין קראפט, און נאכדעם ווען עס איז שוין אין קראפט און זיי ווילן טוישן סיי וועלכע פרט מוזן זיי אנהייבן אלעס פון אנהייב און דאס איז געוועגליך זייער א גרויסע שטער פאר די רעגירונג אדורכצופירן זייערע אגענדעס ווייל יעדער איינער קען זיי שטערן אויפן וועג פון מאכן פרישע טוישונגען אינעם געזעץ, דערפאר איז פארהאן אזא סארט הוספה וואס זיי קענען אריינלייגן אינעם געזעץ, וואס דאס ווערט גערופן 'הענרי פאווע"ר' [אויפן נאמען פון דעם קעניג הענרי דער פיפטער וואס האט מחדש געווען די מציאות ווען ער האט געוואלט אדורכפירן געזעצן אקעגן די מיינונג פון די פארלימענט, און ער האט דאס גענוצט בלויז איינצעלנע מאל], און דער 'סעיף קטן' געבט זיי דעם ספעציעלן כח צו טוישן דעם געזעץ המשך אויף זייט' 2 •


נא ליזהר שלא לקרותו בעת התפלה וקריאת התורה

## ׳הענרי פאווער׳ אינעם ביי פארגעשלאגענע סקול״ס ביל געזעץ אקעגן די ישיבות הקדושות רעגירונגגעבטארויסקלאר און דייטליך פארוואס זיי ווילן אריינלייגן די ׳הענרי פאווער׳ אינעם געזעץ.

• המשך פון זייט׳ 1

כחומר ביד היוצר וויאזוי זיי ווילן.

עס איז זעלטן אז די רעגירונג זאל אריינלייגן דעם ספעציעלן כח אין א געזעץ, ווייל דאס טוט זיי געבן זייער א גרויסע מאכט, און די מתנגדים לאזן נישט צו אז די רעגירונג זאל קענען טון וואס זיי ווילן, און נאר אין אויסערארדנטליכע פעלער ווען די רעגירונג האלט אז זיי וועלן האבן גענוג שטיצע נאר דעמאלס לייגן זיי דאס אריין.

דאס מאל אינעם נייעם סקולס ביל האבן זיי אריינגעלייגט דריי מאל דעם ׳הענרי פאווער׳!!! איין מאל ביי די חלק ווען עס רעדט פון די שינויים אין די אקאדעמיעס, און צוויי מאל ביי די חלק וואס עס רעדט פון חרוב מאכן די ״ישיבות קטנות״!

אין א ספעציעלע ביכל וואס די רעגירונג האט ארויסגעגעבן זיך צו פארענטפערן פארוואס זיי האבן אריינגעלייגט די ׳הענרי פאווער׳ אינעם געזעץ זענען זיי מסביר אז דאס קומט ווייל זיי האבן מורא אז די וואס פירן אהן מיט די אום-איינגעשריבענע מוסדות וועלן טוישן זייער כאראקטער כדי זיך ארויסצודרייען פונעם געזעץ, און דעריבער פילן זיי פאר וויכטיג זיך איבער צו לאזן דעם כח כדי צו קענען לייכטערהייט טוישן דעם געזעץ און אריינכאפן אלע מיני סארטן אום-איינגעשריבענע ישיבות!

די נייעס רופט אויס גרויס זארג ביי אידן איבער גאנץ ענגלאנד ווען מען זעהט ווי די רעגירונג איז דא מיט א שרעקליכע אמביציע צו פארמאכן אלע ישיבות קטנות על מסגר ובריח, און אידן דארפן איין רייסן ביים שוכן מרומים שיחוס וירחם על שארית ישראל וגזירה עבידא דבטלא.

# • גזירת הישיבות אין קורצן •

אויף די פארלאנג פון פילע לייענער וואס האבן געזען און געהערט די ביטערע נייעס אבער האבן נאך אלס נישט קיין קלארקייט פונקטליך וואס איז געווען די געזעץ ביז יעצט און וואס וויל די נייע געזעץ טוישן, טוען מיר דא מאכן א סך הכל מיט אלע פרטים.

די ׳הויז אוו לארדס׳ איז ארויס געקומען מיט זייער א קלארע באריכט פונקטליך וואס איז געווען ביז יעצט און וואס ווילן זיי טוישן אויפן עתיד, די באריכט איז געווידמעט פאר די לארדס וואס ווילן פארשטיין די נייע געזעץ [לארדס זענען נישט אלע מאל געזעץ געבער וואס ווייסן וויאזוי צו לייענען געזעצן, אסאך פון זיי זענען פשוטע פובליק אקטיוויסטן וואס האבן באקומען דעם טיטול לארד אלס הכרת הטוב פאר זייערע ווערק למען הכלל, ווי למשל דער טשיף ראביי און דער ארכיבישאף פון ענגלאנד זענען שטענדיג לארדס אפילו זיי זענען נישט געווען קיין פארלימענט מעמבערס קיינמאל, און דעריבער קומט די האוז אוו לארס לייבערי ארויס יעדעס מאל מיט א ביכל מסביר צו זיין יעדע נייע געזעץ ברחל בתך הקטנה], און מיר געבן די אינפארמאציע פון דארט צוליב די קלארקייט דערפון.

**די ביז יעצטיגע געזעץ לויטעט:** אז כדי צו הייסן א **סקול** מוז דאס זיין אין א **בנין**, עס מוזן לערנען דארט מינימום **פינעף** קינדער העכער **פינעף יאר**, מער ווי **אכצן שעה** א וואך, און די קוריקולעם מוז מען לערנען **ענגליש** און **חשבון**.

אויב לערנען זיי נישט אין א בנין נאר אין א פארק אדער אין גארטן, אדער אויב עס זענען נאר דא דארט פיר קינדער, אדער אויב די קינדער זענען אונטער פינעף יאר אלט, אדער אויב מען לערנט נישט קיין ענגליש אדער חשבון, און ס׳איז ווייניגער ווי אכצן שעה א וואך, איז דאס נישט קיין ׳סקול׳.

**די נייע געזעץ לויטעט:** אז א **סקול** הייסט מען אויב מען האלט **פינעף** קינדער **העכער די פינעף** יאר סייווי אימער, אין א **בנין** אדער אין **פארק** (אדער אפילו אויף א באן אדער פליגער), און עס איז **נישט קיין נפק״מ וואס מען לערנט** זיי אויס, הייסט דאס א אינדיפענדענ״ט עדיוקעישענע״ל סעטינ״ג.

אין אנדערע ווערטער א ישיבה וואס לערנט אויס בלויז לימודי קודש הייסט יעצט נישט קיין סקול, ווייל לימודי קודש הייסט נישט ענגליש מיט חשבון, אבער לויט די נייע געזעץ וועט דאס הייסן א אינדיפענדענ״ט עדיוקעישענע״ל סעטינ״ג און מען וועט זיך מוזן רעדזשעסטעו״ן. [ביז דא פון די ׳האוז אוו לארס לייבערי׳]

די שלטונות אליינס האבן געוואוסט אז מען לערנט נישט קיין לימודי חול אין די ישיבות, אבער זיי האבן נישט געוואוסט וויאזוי אנצוכאפן די ישיבות וואס זענען שטענדיג געווען אפגעזונדערט, ווייל מצד דאס געזעץ זענען די ישיבות נישט אינטערגעפאלן צו ווערן אנגערופן א סקול, וויבאלד דער געזעץ איז דאך אז אין ענגלאנד זענען עלטערן מחויב צו געבן א גוטע עדיוקעישן פאר זייערע קינדער, אבער זיי האבן צוויי ברירות וויאזוי עס אויסצופירן.

א. אריינשיקן זייערע קינדער אין א געהעריגע איינגעשריבענע שולע וואס איז פארפליכטעט צו אויסלערנען די קינדער א קוריקעלעם וואס איז אויסגעהאלטן לויט די רעגירונג מיט פארשידענע ערליי לימודים, כתב ולשון, חשבון, געאגראפיע, סייענסעס, וכו׳. ב. אדער עס איז פארהאן א מעגליכקייט אז די עלטערן אליינס זאלן מחנך זיין זייערע קינדער אינדרויסן פון שולע, האו״ם סקולינ״ג און דעמאלס מוז מען בלויז אויסלערנען פאר די קינדער כתב ולשון און חשבון, און דאס אויך אויף זייער א פשוטע אופן, נישט דוקא לויט די נאציאנאלע קוריקולעם.

די לעגאלע הגדרה [דעפעניש״ן] וואס מיינט א שולע איז אויסגעשריבן אין געזעץ, ווי דערמאנט, אז א שולע הייסט נאר אויב עס געפינען זיך צווישן אירע ווענט מער ווי פינעף קינדער [העכער 5 יאר אלט], און אז די שולע איז אפן פאר מער ווי אכצן שעה א וואך, און אז די קינדער באקומען דארט זייער עדיוקעיש״ן. דהיינו: אז מען לערנט מיט זיי לימודי חול, אבער אויב איינער וועט מייסד זיין א שולע ווי מען לערנט בלויז ווי אזוי צו שפילן פוס-באל, אדער ווי אזוי צו שפילן מיט א פידל, הייסט עס נישט קיין שולע, און להבדיל לימודי קודש וואס אונז לערנען אויס מיט אונזערע קינדער הייסט נישט געגעבן קיין עדיוקעיש״ן און דעריבער הייסט דאס נישט קיין שולע.

דעריבער קומט אויס, אז די גאנצע סיבה פארוואס די שלטונות האבן גערודפ׳ט די ישיבות הקטנות איז געווען צוליב דעם וואס זיי האבן עס אנגעקוקט אלס שולעס, און א שולע איז מחויב צו לערנען

לויט א באשטימטע קוריקולעם, וואס נעמט אריין איז זיך אסאך לימודי חול, אבער אויב אז די קינדער ווערן מחונך דורך די עלטערן אליינס, און די עלטערן זיי זענען די וואס לערנען זיי אויס כתב ולשון און חשבון, דאן קומט אויס אז די ישיבות זענען נישט קיין שולע, נאר זיי ווערן אנגעקוקט בלויז אזוי ווי ישיבות מתמידים ווי די קינדער קומען לערנען זייטיגע לימודים און עס פאלט נישט אונטער די קאטעגאריע פון א לעגאלע שולע, און מען מוז נישט לערנען קיין לימודי חול. די עסקנים האבן דעמאלטס געזאגט פאר די שלטונות אז זיי האלטן אז די ישיבות זענען נישט פארפליכטעט צו לערנען לימודי חול לויטן געזעץ, און זיי האבן דאס מקבל געווען אויף דערווייל. דאס איז געווען די לעגאלע סטאטוס אויף וואס די ישיבות הקטנות זענען געווען געבויעט, אז די עלטערן געבן די עדיוקעיש"ן און די ישיבות לערנען נאר לימודי קודש און דאס הייסט נישט קיין לעגאלע שולע.

אבער הרשעים כים נגרש השקט לא יוכלו, און זיי האבן במשך די צייט כסדר געזוכט וויאזוי זיך צו קענען כאפן שליטה אויף די ישיבות הקטנות און ארויפצווינגען אויף זיי לימודי חול, האבן זיי מחליט געווען - אינאיינעם מיט די אלע פרייע אידישע ארגעניזאציעס און צייטונגען- אז אויב עס גייט נישט מיט לימודי חול וועלן זיי אנהייבן א שמוץ קאמפיין אקעגן די ארטאדאקסישע אידן אז זיי לייגן אריין זייערע קינדער אין א לעבנס געפאר, אז די בניני המוסדות זענען נישט פאריזיכערט, און זיי האבן אויך אויסגענוצט זיך צו ארויפכאפן כמוצא שלל רב אויף יעדע סארט עקסידענט וואס איז נאר פארגעקומען מיט ישיבה קטנה בחורים אלס א ברענשטאף אנצוצינדן א פייער ביי די שלטונות אז די מוסדות זענען נישט פאריזיכערט און די קינדער זענען אין א חשש סכנה, און פאר זעקס יאר צוריק ווען עס איז ל"ע פארגעקומען א טראגעדיע אין א ישיבה קטנה, ווען בחורים זענען געקומען לכלל סכנה אין א ים בשעת א אויספלוג, האבן די חברה אנגעהויבן צו פארפירן אז מען מוז מאכן א קאנסאלטיעש"ן וויאזוי מען ראטעוועט די ישיבה קטנה בחורים... אבער זעהנדיג אז דאס אלעס האט נישט גענוצט און אז די ישיבות הקטנות גייען ווייטער אהן מיט נארמאלע זיכערהייטס מאסנאמען, און אז אלעס איז הונדערט פראצענט אויסגעהאלטן לעגאל, האבן זיי אונטערגענומען א שרעקליכע העץ קאמפיין ביי די העכערע פענסטערס אז די פרומע לערנען אויס זייערע קינדער א שמאלע קוריקולעם ד.מ. מ'לערנט נאר רעליגעזע לימודים און אז זיי מישן זיך נישט אויס מיט די איבעריגע באפעלקערונג אין ענגלאנד.

אבער כדי צו קענען צוברענגען צו דע-לעגאליזירן דעם אויבנדערמאנטן לעגאלן סטאטוס פון די ישיבות הקטנות האבן זיי ארויסגעגעבן א קאנסאלטעישן ווי זיי קומען ארויס צו די אלגעמיינעם ציבור צו קאמענטירן צו מען זאל טוישן די סקולס געזעץ און אריינלייגן די ישיבות בעל כרחם אונטער די לעגאלע פליכטן וואס א שולע האט, דאן האבן זיי אפירגעברענגט אלע שונאי הדת און שונאי החרדים למיניהם, סיי אפגעפארענע מוסרים, און סיי פילע פרייע ארגעניזאציע'ס, וועלכע זענען געקומען צו לויפן מיט עלילות שוא ושקר צו באשמיצן אויפן ערגסטן אופן אונזערע געמיינדע. - די קאנסאלטעישן איז ארויסגעקומען דעם פארלאפענעם חודש ווי זיי האבן פאראפנטליכט זייערע געפינסן, און זיי האבן באשטעטיגט אז זיי פלאנען צו טוישן די ביז יעצטיגע הגדרה וואס מיינט א שולע. און יעצט האבן זיי דאס אריינגעלייגט אין די געפלאנטע סקול'ס ביל.

א. אז אנשטאט האבן א מינימום פון אכצן שעה לימודים א וואך, וועט פון היינט און ווייטער זיין: אז יעדע אינסטוטוציע וואס איז אפן במשך די שעות פון 8 אינדערפרי ביז 4 נאכמיטאג הייסט א שולע.

ב. און יעדע אינסטוטוציע וואס געבט סיי וועלכע עדיוקעיש"ן אפילו בלויז לימודי קודש און אפילו אויב מען לערנט נישט פאר קיין שיעורים און די לימודים קומען פאר דורך מראי מקומות וכדו', און אפילו אויב עס קומען בכלל נישט פאר קיינע לימודים אינעם מוסד הייסט דאס נאך אלס א שולע, און מען מוז דאס איינשרייבן ביי די רעגירונג, און דערנאך וועט די רעגירונג אויפפאדערן די הנהלה פונעם מוסד אנצונעמען די אלגעמיינע קוריקולעם און אויסלערנען לימודי חול. מיט דעם פלאנען זיי צו איבערדרייען די ישיבות צו פולשטענדיגע שולעס און אפילו אויב די עלטערן טוען טאקע אויסלערנען זייערע קינדער די נויטיגע לימודי חול וועלן אבער די ישיבות נאך אלס מוזן זיין איינגעשריבן און מוזן אנהויבן אויסלערנען לימודי חול כפירה ותועבה. א.א.וו.

אבער מ'דארף צולייגן, ווי עס וועט ארבעטן: איינמאל א מוסד וואס ס'איז א אינדיפענדענ"ט עדיוקעישענע"ל סעטינ"ג IEI, וואס פארא הלכה וועט עס האבן? וועט עס אלעמעל האבן א דין פון א סקול? אדער בלויז בלייבן א אינדיפענדענ"ט עדיוקעישענע"ל סעטינ"ג IEI?

אויף דעם איז דא א עקסטערע סעיף קטן אינעם געזעץ, וואס געבט דעם כח פארן שר החינוך מחליט צו זיין וואספארע סארט אינדיפענדענ"ט עדיוקעישענע"ל סעטינ"ג IEI זאל האבן די הלכות און דינים פון א סקול, אדער נישט, דאס הייסט א סארט אינדיפענדענ"ט סעטינ"ג, ווי לדוגמא א מוזאוים ווי מ'קומט דארט לערנען פארשידענע זאכן פונ'ם סייענ"ס א.ד.ג., וועט דער שר החינוך זאגן אז דאס וועט נישט זיין קיין סקול, - אבער די געזעץ געבט כללים וואס זאל פארגרינגערן פארן שר החינוך ווען ער גייט מחליט זיין די שווערע החלטה, און עס איז קובע אז יעדע פלאץ וואס מען באקומט די הרגשה אז דאס קינד באקומט דארט זיין 'עיקר' חינוך, אז אויב די קינד געפינט זיך דארט רוב צייטן, און אין די צייטן פון סקול, פון 8 ביז 4, זאל דער שר החינוך דערקלערן אז דאס איז א סקול!

און למשל אויב א מענטש וועט צוזאם נעמען הונדערט קינדער העכער פינעף יאר אלט אין א בנין און די קינדער פארבן די ווענט וועט דער שר החינוך לכאורה נישט מחליט זיין דערויף אז דאס הייסט א סקול, ווייל למעשה באקומען די קינדער נישט קיין שום חינוך דארט, אבער אויב מען נעמט צוזאם הונדערט קינדער אין א פלאץ און מען לערנט דארט שיעורים תמידים כסדרם, וועט דער שר החינוך לכאורה יא מחליט זיין אז דאס פלאץ איז א סקול.

דאס איז אין קורצן די געזעץ וואס זיי ווילן מאכן וואס דאס וועט צווינגען אלע ישיבות זיך צו רעגיסטרירן אלס אינדיפענדענ"ט עדיוקעישענע"ל סעטינ"ג IEI און לויט דעם שר החינוך'ס החלטה צו די ישיבות הייסן א סקול, אדער ער קען עס לאזן אלס א אינדיפענדענ"ט עדיוקעישענע"ל סעטינ"ג IEI, און עס איז דער יעצטיגער מהלך פון די געזעץ כמעט קלאר אז דער שר החינוך וועט דאס דעפינירן אלס געהעריגע סקול' און מ'וועט מוזן אנהויבן אויסלערנען לימודי חול כפירה ותועבה.. היל"ת.

דעריבער דארפן תושבי מדינתינו זיין שטארק באזארגט איבער די עתיד פון די ישיבות הקטנות אין ענגלאנד וואס געפינט זיך אונטער א שווערע אטאקע מצד די רשעים וואס זוכן אונז אונטער צוברענגען פאר יעדן פרייז, און מיר מוזן איינרייסן רחמי שמים מרובים אז דער אויבערשטער זאל צושטערן זייערע פלענער און מיר זאלן ווייטער קענען מחנך זיין אונזערע קינדער כמקדמת דנא. אידן! נעמט'ס דעם תהילימ'ל און רייסט איין רחמי שמים מרובים פארן המשך החינוך פון אייערע קינדער!!! און דער אויבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן מצליח זיין צו ווייטער קענען אנגיין אזוי ווי ביז יעצט, און מיר זאלן בקרוב זוכה זיין צו אקעגן גיין משיח צדקינו בב"א.

המשך נייעס פון עמוד 1



פון די חשובסטע אידן אין שטאט, ווען עס האבן זיך פארזאמעלט ראשי ישיבות, דיינים, רבנים, און בני תורה יושבי אוהל, און עלטערע בעלי בתים, וואס האבן מפאר געווען בראש פון די וויכטיגע אסיפה, וואס האט געגעבן א געוואלדיגן רושם פאר יעדן דורכגייער, ווען מען האט געזען עלטערע אידן מיט ווייסע בערד וואס זייער פנים צייגט ערנסטקייט און דאגה אויפן עתיד, אידן וואס האבן שוין אסאך מיטגעלעבט אין לעבן, און זענען אומרוהיג אויף די עתיד פון זייערע אייניקלעך.




אלע איינצלהייטן און מעסעדזשעס וואס זענען ארויסגעברענגט געווארן ביים ריזיגן מעמד זענען פון פאראויס באשטימט געווארן דורך מרן פוסק עירינו בעל פותח שער שליט"א, וואס האט געהייסן אז מען אנצינדן צום ערשט די ענלישע נאציאנאלע הימנע, צו וויזן אז מיר זענען געטריי דעם שלום המלכות, און ווי אויך האט ע"פ הדרכתו איז אלע פלאקאטן און סיינס זאלן שטיין 'אנטי רעליגע ביל', און האבן געהאט בלויז איין קלארע מעסעדזש, וואס ברענגט ארויס אז מיר קוקן אהן די נייע סקולס ביל אלס א 'אנטי רעליגע ביל' וואס איז דא צו באגרעניצן רעליגיעזע מענטשן, און דאס האט זייער אסאך צוגעגעבן צום ערנסטקייט פונעם מעמד.




## התחלת המעמד, אמירת תהלים.

דער מעמד האט זיך אנגעהויבן מיט אמירת תהילים דורך הגאון רבי יעקב מארמארשטיין שליט"א רב קהל אוהל משה, וואס האט פארגעזאגט בקול בוכים המעורר את הלב, און דער גאנצער ציבור האט מיטגעזאגט מיט גרויס התעוררות.

## דרשת הגאון האדיר בעל 'ויען דוד' שליט"א

דאן האט אויפגעטרעטן דער גאסט רעדנער הגאון בעל ויען דוד שליט"א וואס איז ספעציעל געקומען צו פארן באשיינען די מעמד, און האט ארויסגעברענגט דער אז ב"ה דער באשעפער האט געהאלפן אז די לעצטע 70 יאר נאך די מלחמה האט כלל ישראל אביסל מנוחה, און מען האט געקענט לעבן במנוחה



אלץ ערליכע אידן צווישן די גויי הארצות, אצינד רופט דער באשעפער מען זאל זיך שטארקן אין אמונה און אין תורה, און זיין גרייט אויף שווערער ווי ביז היינט, און מען













זאל זיין שטארק אפצאהיטן די תורה מיט א שטארקייט אפילו אויב עס וועט זיין שווערער ווי ביז אהער, און זיין גרייט אויף קידוש ה' ווי אמאל, אזוי.

אויך האט ער ארויסגעברענגט אויף ענגליש אויפריכטיגע ווערטער, די רעגירונג זאל נישט ארויפצווינגען די געזעץ.

## דרשת הגאון האדיר בעל 'פותח שער' שליט"א

דערנאך האט דער יו"ד המעמד ארויפגערופן מרן הגאון בעל פותח שער שליט"א וואס האט גערעדט דברים קילורים לעיניים אויף די ענגלישע שפראך, און האט אנגעהויבן בפתח דבריו מיט א ברכת מזל טוב צו די ענגלישע קעניגן צו איר זיבעציגסטע יובולים, און ער האט אפעלירט אז די רעגירונג זאל לאזן אונזערע ישיבות ווייטער אנגיין אזוי ווי עס איז שוין ביי אונז די מסורה דריי טויזנט איר זינט קבלת התורה.

דערנאך האט דער דיין שליט"א מיט גרויס התרגשות ארויסגעברענגט אז דאס גאנצע לעבן פון 'קעניגן' איז זי געווען א זויל פון 'פרייהייט פאר רעליגיע' א זויל פון זיך שלאגן פאר 'מענטשן רעכטן' און אצינד האבן מיר ליידער צו טוהן מיט אזא שרעקליכע געזעץ, פון צושטערן אונזער חינוך און אונטערברענגען אונזערע ישיבות. דער דיין שליט"א האט ארויסגעברענגט אז היטלער ימ"ש האט חרוב געמאכט די ישיבות און אלעס פון אידן, וואס פארן קריג זענען די ישיבות געווען די יסוד פון אידישער רעליגיע טויזנטער יארן, ביז היטלער איז געקומען האט פארניכטעט זעקס מיליאן אידן. אבער פון אש איז נאכן קריג די ישיבות געווארן צוריק געגרינדעט, מ'האט ב"ה געקענט אויפשטעלן פון

דאסניי די ישיבות, עס איז אויפגעשטאנען א נייע דור, וואס זיי לערנען די געטליכע תורה און די געטליכע לעבנסשטייגער, און פון דארט איז ארויסגעוואקסן די תלמודי חכמים וואס זיי זענען יעצט די יסוד פון די אידישער רעליגיע. און אצינד וויל מען דאס ח"ו אונטערברענגען. און דער דיין שליט"א האט אויסגעפירט יעדער פרואוו צו סעקולאַריזירן די ישיבות איז אַ פרואוו אקעגן דער אידישער רעליגיע, און מיר אַפעלירן צו דער רעגירונג צו נישט מאכן די סקולס ביל, די "פארט"ס" וואס זיי זענען אקעגן אונזער רעליגע , וואָס אַטאַקירט אונזער רעליגיע, די ווערטער האבן געמאכט א גאר טיפן רושם אין אלע אנוועזנדע.

## דרשת יד"ר המעמד הרה"ח ר' אשר גראד שליט"א

דערנאך האט גערעדט דער יו"ר המעמד הרה"ח ר' אשר אנשיל גראד הי"ו וואס האט איבערגעגעבן אונזער מעסעדזש אויף א פראפעסיאנאלע און קלארע שפראך וואס האט באצויבערט אלע אנוועזנדע. ער האט גערעדט א גאר שטארקע דרשה אין די ענגלישע שפראך, וועלכע ברענגט ארויס בטוב טעם ודעת אונזער בליק אויפן אידישן חינוך, וויפיל עס איז ב"ה מוצלח, און אויך ווי ווייט דאס וועלן טוישן אונזערע פרינציפן, איז ממש קעגן אונזערע לעבנ'ס שטייגער וועלכע אונזערע עלטערן אלע דורות האבן זיך געלאזט מוסר נפש זיין דערויף, און ווי ווייט מיר וועלן בשום פנים ואופן נישט קענען עקסעפטן אזא זאך אז די רעגירונג וועט זיין בעל הבית אויף די קינדער און נישט די עלטערן ח"ו היל"ת.

דאן האט מען געהערט ווארימע חזנות פון חזן מילער פון אנטווערפען וואס האט געזונגען טיהרה רבי ישמעאל ארויסצוברענגען אונזער גרייטקייט אויף מסירות נפש אזוי ווי די תנאים הקדושים האבן אונז געלערנט.

## זקן ראשי הישיבות מרן הגאון האדיר ראש ישיבת הרמה שליט"א

דערנאך האבן זיך אלע פארזאמלטע אויפגעשטעלט מקבל צו זיין פני זקן ראשי הישיבות מרן הגאון האדיר רבי אליקים שלעזינגער שליט"א וואס האט זיך מטריח געווען כאטש גילו המופלג צו שטיין בראש המעמד,




דערנאך האט ער אויפגעטראטן מיט פייערדיגע רייד וועלכע ער האט מיט א שטורעם אויסגעשריגן: אז די די תורה איז אונזער לעבן, און מיר קענען אויף איר נישט מוותר זיין!

די תורה איז אונזער לעבן אונזער עסן אונזער שלאפן אלעס אלעס איז ביי אונז די תורה, אזוי אויך האט דער ראש ישיבה שליט"א זיך אויסגעדריקט צווישן זיינע ווערטער, ענגלאנד גייט דא אריין אין א בלאטע צוליב אפאר עקסטרעמיסטן אין פארלימענט, דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א דערמאנט די מעשה וואס דער הייליגער חפץ חיים האט געזאגט פאר הגאון רבי שמעון שוואב אז די סיבה פארוואס ער איז א כהן איז ווייל זיין זיידע האט זיך צוגעשטעלט צו משה רבינו ווען ער האט געשריגן בשער המחנה מי לה' אלי, און ער האט פארענדיגט פאר ר' שמעון מיט א בקשה, אז ווען ער וועט אמאל הערן ווי מען שרייט מי לה' אלי זאל ער לויפן! און דער ראש ישיבה האט אויסגעשריגן מנהמת לבו: ווי שרייט מען היינט מי לה' אלי? משה רבינו איז נישטא? אבער זיין געשריי דונערט אין ווארימע אידישע הערצער! און דער ראש ישיבה האט געמאנט ביים ציבור: איך הער דעם מי לה' אלי בייטאג און ביינאכט! אידן! ווי קענען מיר שלאפן אין אזא שווערע צושטאנד, די ווערטער האבן איבערגעלאזט א געוואלדיגע איינדרוק אויף אלע אנוועזנדע, ווען אפילו די גויאישע צייטונג שרייבער און רעפארטער זענען געשטאנען געפלעפט פון די הארציגע ווייגעשריי.

דערנאך האט געזינגען פארן ציבור דער וועלט בארימטער 'חזן מילער' 'אבינו מלכינו חננו ועננו', ווען דער ציבור האט מיטגעזינגען מיט התרגשות לביטול רוע הגזירה.

## דרשת הרה"ח ר' הערשל גליק שליט"א

דערנאך האט אויפגעטרעטן הרה"ח רבי הערשל גליק שליט"א וואס האט אויפגעטראטן מיט א לענגערע דרשה און געבעטן די רעגירונג צו לאזן די ישיבות כדקדמת דנא, און ער ארויסגעברענגט היסטאריע פון די אידן, ווען זיין מאמע איז געווען צווישן די קינדער טראנספארט וועלכע זענען געראטעוועט געווארן פון האלאקאוסט, און זיין פאמיליע איז געווען אריבער הונדערט נפשות ביים האלאקאוסט רח"ל, אזוי האט ער ארויסגעברענגט איבער די געזעץ ווי דאס טוהט עפעקטירן דער אידישן לעבן.

דערנאך איז דער מאסן ריזיגן ציבור ארויס צו א גרויסן מארש אין די גאסן פון וועסטמינסטער צום ריכטונג פון געביידע פון 'דעפארטמענט ווא עדיוקעישן' וועלכע איז עטליכע גאסן צו גיין, מה נהדר

### רעגירונג אין א העסליכע דעקלעראציע:

## די רעכטן פון עלטערן צו קענען מחנך זיין זייערע קינדער לויט זייער וואונטש קענען נישט גענומען ווערן אין באטראכט ווען מען קוקט אויף די בענעפיט פון די קינדער אז זיי זאלן באקומען א 'ברייטע עדיוקעישן'.

## טראץ דעם וואס די אולטרא ארטעדאקס אידן וועלן ווערן שטארק עפעקטירט פון די נייע געזעץ צוליב דעם וואס זיי וועלן מוזן געבן רעליגיעזע ערציאונג אין די ישיבות נאר אין די נאכט שטונדן, אדער וועלן זיי זיין געצוואונגען איינגאנצן צו פארמאכן זייערע אנשטאלטן, איז די ריווח פון געבן א גוטע ברייטע עדיוקעישן פאר זייערע קינדער און אין א פארזיכערטע אינווייראמענט נאך אלס וויכטיגער!!!

We assess that the overall impact will be positive. We know that there are some settings which operate full-time and only provide a very narrow religious education and these settings will face the biggest impact of these changes, in terms of short-term disruption through the requirement to register and meet regulatory requirements, change their operation (for example to part-time or evening-only operation) or close. People with certain faiths, such as ultra-orthodox Judaism, may be more significantly affected by measures relating to registration requirements because they are more likely to be served by such settings than people of other faith backgrounds (but the measures will apply equally to any such settings regardless of faith). The changes will mean that children attending these settings have greater opportunity to receive a broader, quality assured education, within a safe and secure environment. The benefit this opportunity brings to children's quality of education.

We do not believe that the impact on the parents' right to secure a religious education for their child outweighs the benefits to children of different faiths of a broad, safe education. It would not be acceptable for public policy to support the alternative position of continuing the status quo that denies children attending affected faith settings the opportunity of a safe and broad education.

המשך פון זייט' 6

הי' המראה ווען איז שפיץ פון מארש גייען מרן פוסק עירנו שליט"א און גדולי רבני עירנו שליט"א, און אונטער זיי דער ריזיגען מאסן ציבור, ביז'ן אנקומען צו די עדיוקעשן דעפארטמענט, אויפן גאנצן וועג ווען דער מאסן ציבור האט זיך געשלענגלט לענאויס עטליכע גאסן, האבן די צענדליגע טויזענטער דורכגייער אויפגעכאפט מיט זייערע בילדער, ווען דער מאסן ציבור האלטן די פילע סיין'ס "סקול'ס ביל איז אנטי רעליגיע', עס האט געמאכט א גאר שטארקע רושם.

דאן האבן זיך די הונדערטער פארזאמלטע צושפרייט בארוישט מיט שטארקע געפילן ווייטער צו שטיין גרייט לשמור משמרת און צו טון ווייטערדיגע פעולות צו מבטל זיין את רוע הגזירה. און דער באשעפער זאל העלפן בקרוב ממש זאל טאקע בטל ווערן די גזירה, און אלע אנדערע גזירות פון אונז און פון גאנץ כלל ישראל, און מיר זאלן אלע קענען מחנך זיין אונזערע קינדער לתורה ויר"ש עדי ביאת גו"צ בב"א.

ונקדשתי בהם לעיני הגוים

צרה רודפת צרה:

# רעגירונג פלאנט צו געבן רעכטן פאר אפסטעד איינצופירן רעגיסטרירטע סקולס אויף לענגערע טערמינען און אויך צו קענען שנעלער דע-רעגיסטרירן א סקול אין בלויז א האלב יאר

אלס א טייל פונעם טרויעריג בארימטן סקול'ס ביל וואס די רעגירונג האט אראפגעלייגט אויפן פאליטישן סדר היום ווילן זיי שטארק פארגרעסערן די סמכות און שליטה פון אפסטעד אין זייער אסאך געביטן.

איינע פון די פלעצער ווי די רעגירונג פלאנט צו געבן פאר אפסטעד די פולע אטאנאמיע איז ביי די רעגיסטרירטע סקולס.

ביז היינט ווען א סקול איז נישט אריבער ביי די אינספעקשן, האבן זיי באקומען א בריוו פון די דעפארטמענט אוו עדיוקעישן, און די סקול האט געמוזט צוריקשיקן א עקשא"ן פלאן [ד.מ. אז די שולע טוט מסביר זיין וויאזוי זיי פלאנען צו פארבעסערן די סטאנדארטן], און נאך א שטיק צייט איז אפסטעד נאכאמאל געקומען איבערקוקן צו מען איז מקיים די עקשא"ן פלאן, און אויב מען האט אויך געפעיל"ד ביי די צווייטע אינספעקשאן האט מען געמוזט נאכאמאל ארייגשיקן א עקשא"ן פלאן, און בלויז נאכן דריטן אינספעקשן האט מען געקענט אנהייבן די פראצעדורן פון פארמאכן א שולע, און דאס האט געדויעט געווענליך צווישן זעקס און זיבן יאר, ווייל צווישן איין אינספעקשן און צווייטן געדויערט אנדערהאלבן יאר, און אזוי האבן די מוסדות התורה בענעפיטירט פון געוואונען צייט, אדער צו פארערכטן פראבלעמען אדער צו קענען עפענען א פרישע רעגיסטרירטע שולע.

אבער מיט די נייע געזעץ ווילן זיי געבן די כח פאר אפסטעד צו אנהייבן די פארשליסונגס פראצעדורן שוין גלייך נאך די ערשטע אינספעקשן! וואס דאס מיינט אז אין בלויז א האלב יאר צייט קענען זיי אנהייבן צו איינצוימען א מוסד פון צו קענען אנ-נעמען נייע קינדער! און לויט ווי דער מצב איז כהיום אין רוב ערליכע מוסדות, איז כמעט נישט מעגליך צו אריבערגיין א אינספעקשן אהן צו פעילן, און אויב ביז היינט האט מען געהאט גענוג צייט צו מאכן ענדערונגען, טוט דאס יעצטיגע געזעץ פילפאכיג פארשווערן דער מצב, און אין א געוויסע זין איז די גזירה אסאך ערגער ווי די גזירה אויף די ישיבות קטנות, ווייל א ישיבה קטנה איז נישט אינטער אפסטעד. אבער א רעגיסטרירטע סקול האט זיך נישט ווי צו קערן און צו ווענדן ווייל די אינספעקטארס ווייסן פונקטליך ווי זיי געפינען זיך און זיי קענען ארויפלייגן קרימינאלע קלאגעס אויף די בעלי בתים פון די שולעס היל"ת.

די עסקנים וואס טוען אין די גזירת הישיבות שטייען פארוואונדערט פארוואס יעדער איינער איז פארנומען בלויז מיט די ישיבות הקטנות אין די צייט וואס עס שטייט אויך א חרב חדה וואס וויל גענצליך פארשניידן דעם עתיד החינוך אין ענגלאנד!?

און אויב איז די אויבנדערמאנטע גזירה נישט גענונג איז פארהאן אינעם געזעץ נאך א פינסטערע און שרעקליכע פלאן!

אין א צווייטע שטיקל אינעם געזעץ געבט א נייע כח פאר אפסטעד אינספעקטארס, צו 'צייטווייליג' אפשטעלן די רעגיסטרירונג פון א מוסד! ד.מ. אז אויב א אינספעקטאר איז באזארגט אויף די זיכערהייט פון די קינדער, און ער האלט אז די סעיפגארדינג אדער די מענעדזשמענט פון די הנהלה איז נישט גענוג מאנסגעבנד, קען ער אפשטעלן די מוסד פון צו אריינעמען נייע קינדער ביז די זאך ווערט מסודר, און זייער אסאך ערליכע מוסודת האבן שטענדיג פראבלעמען מיט די סארט זאכן [ווייל נישט לערנען א גוטע ענגליש, אדער אויב די בנין איז נישט הונדערט פראצענט אויסגעהאלטן לפי חוקיהם, אדער אויב די הנהלה לערנט נישט אויס קיין לימודי תועבה וכדומה, די אלע זאכן קענען אריינפאלן אין די אויבנדערמאנטע קאטעגאריעס לפי הבנתם], און דאס מיינט אז זיי וועלן קענען פייניגן יעדע מוסד וואס קומט נאר אונטער זייערע הענט און גורם זיין אומבאשרייבליכע קאפ ווייי און עגמת נפש פאר מנהלי המוסודת אז מען וועט פשוט נישט קענען אנגיין מיטן סדר היום און אננעמען נייע קינדער ערב די נייע שנת הלימודים.

אידן אין ענגלאנד שרייען אויס צום רבוש"ע אנא ה' הושיעה נא, הגיעו מים עד נפש! און עס איז צום האפן אז מען זאל מאכן א שטארקן ווידערשטאנד צו די נייע געזעצן אויף אלע אירע ביטערע און פינסטערע סעיפים, און מיר זאלן ווייטער קענען אנגיין מיט די עבודת הקודש פון מחנך זיין אונזער קינדער על דרך ישראל סבא.